**ACS-ארויסגעגעבענע טשיילד קעיר וואוטשער איינשרייבונג דאטום פאליסי**
**גילטיג פון אקטאבער 1, 2025**
**פאליסי #: 2025-06**

די פאליסי דיקטירט די דאטומען פון ווען אַדמיניסטראַציע פֿאַר קינדער־דינען (ACS) וועט איינשרייבן א קינד אין סובסידייזד קעיר ווען מען נוצט אן ACS-ארויסגעגעבענע טשיילד קעיר וואוטשער. די פאליסי איז גילטיג פון אקטאבער 1, 2025.

אין צוגאב צו די באדינגונגען אונטן, מוז די פראוויידער'ס לייסענס, פערמיט, אדער רעגיסטראציע זיין גילטיג און אין קראפט כדי א קינד זאל קענען ווערן איינגעשריבן ביי דער פראוויידער. א טשיילד קעיר פראוויידער וועט נישט באקומען באצאלט פון ACS פאר'ן סערווירן א קינד אין א תקופה ווען די פראוויידער האט נישט געהאט קיין גילטיגע לייסענס, פערמיט, אדער רעגיסטראציע.

א טשיילד קעיר פראוויידער וואס סערווירט א קינד נוצנדיג אן ACS-ארויסגעגעבענע וואוטשער וועט באקומען באצאלט פון ACS פון די דאטום פון ווען ACS שרייבט איין די קינד ביי די טשיילד קעיר פראוויידער אין אונזער סיסטעם פון רעקארדס. אויב די קינד האט אנגעפאנגען קומען צום טשיילד קעיר פראוויידער פאר די איינשרייבונג דאטום, וועלן די עלטערן זיין פאראנטווארטליך צו באצאלן.

די דאטום פון ווען א קינד וועט ווערן איינגעשריבן איז געוואנדן אין ווי לאנג עס נעמט פון ווען די וואוטשער ווערט ארויסגעגעבן ביז ווען די אויסגעפילטע וואוטשער ווערט צוריקגעשיקט צו ACS.

**(A) וואוטשערס וועלכע ווערן צוריקגעשיקט צו ACS אין די דריי (3) חדשים[1] אדער ווייניגער פון די דאטום ווען זיי זענען געווארן ארויסגעגעבן:**
אויב ACS באקומט אן אויסגעפילטע וואוטשער אין די 3 חדשים אדער ווייניגער פון די דאטום ווען די וואוטשער איז געווארן ארויסגעגעבן, וועט די קינד'ס איינשרייבונג דאטום זיין די **שפעטערע** דאטום פון:

[1] פאר די צילן פון די פאליסי, וועט דריי חדשים פון די דאטום ווען עס איז ארויסגעגעבן געווארן באשטימט ווערן אלס דעם זעלבן דאטום דריי חדשים שפעטער. צוםביישפיל, אויב א וואוטשער איז ארויסגעגעבן געווארן סעפטעמבער דער 9'טע, וועט עס דארפן צוריקגעשיקט ווערן צו ACS ביז דעצעמבער 9 אדער פריער אז טייל (A) זאל זיין נוגע. אין דעם ביישפיל, אויב די וואוטשער וואלט צוריקגעשיקט געווארן צו ACS אויף דעצעמבער 10 אדער שפעטער, וואלט טייל (B) געווען נוגע.

אויב א וואוטשער ווערט ארויסגעגעבן ביים סוף פון א חודש און די לעצטע טאג פון דעם דריטע חודש איז א פריערע דאטום, וועט די לעצטע דאטום פון די דריטע חודש דינען אלס די לעצטע טאג צו צוריקשיקן די וואוטשער פאר טייל (A) צו זיין נוגע.

| דאטום ארויסגעגעבן | דריי חדשים פון דעם דאטום ווען עס איז געווארן ארויסגעגעבן |
|---|---|
| יאנואר 31 | אפריל 30 |
| מערץ 31 | יוני 30 |
| אגוסט 31 | נאוועמבער 30 |
| נאוועמבער 29 אדער 30 | פעברואר 28 (פעברואר 29 אין אן איבער-יאר) |

- די דאטום ווען די וואוטשער איז געווארן ארויסגעגעבן;
- די קינד'ס אנפאנג דאטום (די דאטום ווען די קינד האט אנגעפאנגען אדער וועט אנפאנגען קומען צום טשיילד קעיר פראוויידער)[2]; אדער
- די קינד'ס באשטעטיגונג דאטום פון פרויען'ס האוזינג און עקאנאמישע אנטוויקלונג קארפאראציע Women's Housing and Economic Development Corporation, WHEDCo) באשטעטיגונג דאטום), (נאר געפאדערט פאר פראוויידער וועלכע האבן א לעגאלע אויסנאם, אריינגערעכנט אומאפיציעלע פראוויידערס).

**(B) וואוטשערס וואס ווערן צוריקגעשיקט צו ACS מער ווי דריי חדשים נאך די דאטום ווען עס איז געווארן ארויסגעגעבן:**

פאר אלע וואוטשערס וואס ווערן צוריקגעשיקט צו ACS מער ווי דריי חדשים נאך די דאטום פון ווען עס איז געווארן ארויסגעגעבן, וועט די קינד ווערן איינגעשריבן ביים טשיילד קעיר פראוויידער פון די **שפעטערע** דאטום פון:

- די דאטום ווען ACS באקומט די אויסגעפילטע וואוטשער;
- די קינד'ס אנהויב דאטום
- די קינד'ס WHEDCo באשטעטיגונג דאטום (אויב שייך)

דורך אונטערשרייבן דעם וואוטשער, טוט סיי די פאמיליע און סיי די טשיילד קעיר פראוויידער באשטעטיגן אז אלע אינפארמאציע -- אריינגערעכנט די דאטום ווען די קינד האט אנגעהויבן אדער וועט אנפאנגען קומען צום טשיילד קעיר פראוויידער (אנהויב דאטום) -- זענען ריכטיג. סיי וועלכע אומריכטיגע אינפארמאציע קען פירן צו א שפעטערדיגע ענדערונג אין דעם קינד'ס איינשרייבונג און/אדער פראוויידער באצאלונג, אריינגערעכנט מעגליך דארפן צוריקנעמען געלטער.

טשיילד קעיר פראוויידערס וועלכע טוען איינשרייבן קינדער מיט א וואוטשער מוזן רעדן מיט דעם קינד'ס עלטערן/קעיר-נעמער צו זיכער מאכן אז די קינד איז געווארן ארויסגעשריבן פון סיי וועלכע אנדערע טשיילד קעיר וואו זיי זענען געווען איינגעשריבן פאר די זעלבע דאטומען און צייטן.

אין פאל א קינד ווערט איינגעשריבן מיט ACS נאך וואס די קינד האט שוין אנגעהויבן קומען צום פראוויידער און די עלטערן האבן אליינס באצאלט פאר סערוויסעס, מוז די פראוויידער צוריקגעבן סיי וועלכע באצאלונגען וואס מען האט באקומען פון די עלטערן איבער די עלטערן קאסט.

[2] די "אנפאנג דאטום" געשריבן אויף די וואוטשער מוז זיין דעם טאג וואס די קינד האט אנגעפאנגען אדער וועט אנפאנגען קומען צום טשיילד קעיר פראוויידער.

**<u>ביילאגע: אפטייטשן</u>**

די אפטייטשן פון אונטן ערקלערן די טערמינען גענוצט אין די פאליסי.

**WHEDCo.** די נאן-פראפיט ארגאניזאציע אויפגענומען דורך ניו יארק סטעיט צו איבערקוקן און באשטעטיגן די איינשרייבונג פון קינדער מיט פראוויידערס וועלכע זענען לעגאלערהייט פטור פון באקומען א לייסענס אדער רעגיסטראציע.

**אנהויב דאטום.** די דאטום ווען די קינד האט אנגעפאנגען אדער וועט אנפאנגען קומען צום טשיילד קעיר פראוויידער.

**דאטום ארויסגעגעבן.** די דאטום ווען די וואוטשער איז ארויסגעגעבן געווארן פאר די פאמיליע (געדרוקט אויף די וואוטשער). אין געוויסע פעלער, אויב עס איז דא א לאנגע צייט צווישן די דאטום וואס די פאמיליע האט געבעטן פאר א וואוטשער און די דאטום וואס ACS האט ארויסגעגעבן די וואוטשער, וועט די דאטום פון ארויסגעבונג ווערן צוגעפאסט צו רעפלעקטירן די דאטום פון די בקשה.

**WHEDCo באשטעטיגונג דאטום.** די דאטום ווען די קינד איז באשטעטיגט געווארן דורך WHEDCo צו ווערן איינגעשריבן מיט א פראוויידער וואס האט א לעגאלע אויסנאם אדער מיט אן אומאפיציעלע פראוויידער.